אין שווערע מינוטען

(סקיצע)

פון ל. בערקאוויטש.

מיט אן אויפגעשטעלטען קאלנער, און האסטיגע טריט, האט פרידמאן זיך שנעל געשארט אויף'ן טראטואר הארט צו די שוועלען פון די קראמען, וואו די קאנווענע אבערכלאך האבען איהם עטוואס באשיצט פון דעם געדיכטען דראבנעם רעגען. ער האט זיך געאיילט קומען וואס גיכער צו זיך אין צימערעל.

דער רעגען האט זיך אלץ וואס ווינטער אליז מעהר פארשטארקט און איז געווארען שווערער און געדיכטער. פרידמאן האט אנגעהויבען שפּריינען נאך שנעלער, און אין א פאר מינוטען האט ער זיך געפונען, נעבען דער טיהר וואס פיהרט צו זיין וואוינונג. ער האט מיט אימפעט אויפגעעפענט די טיהר, און אויפהויבענדיג א בריעף פון דער פארלאגע איז ער, מיט די אויגען דורכגעלאפען זיין נאמען אויף'ן קאנווערט, ער ארייננערוקט אין קעשענע, און האסטיג ארויפגעשטיגען די טרעפ, איז ארייז אין צימערעל, פארמאכענדיג די טיהר הינטער זיך.

ער האט אראפגעווארפען פון זיך דעם דורכגענעצטען פידושאק, און האט גענומען אפווישען דעם שווייס און די רעגענטראפען פון זיין פנים.

— פו, א מיזעראבלער וועטער! — האט ער צו זיך געמורמעלט, און צו דערזעלבער צייט, זיך דערפיהלט זיכערער און פרייער.

זיין ארים מעבלירט צימערעל מיט די אבגעבליאקטע טאפעטען אויף די ווענט, וואס האט ערשט מיט א שעה פריהער איהם געלאנגווייליגט און געטריבען ציעללאז אין גאס, האט אונטערדרוקט פונ'ם מאנאטאנעם דראבנעם רעגען, באקומען ביי איהם ניים אינטערעס און חן. ער האט ביי דעם מאמענט זאגאר ליעב באקומען זיין צימערעל — אט דאס קליין צימערעל — האט ער דערשפירט, איז א טייל פון איהם, פון זיין לעבען; אט די גראהליכע ווענט, האלטען איינגעשלאסען אין זיך דעם סוד פון זיין באגעהר און זיינע חלומות, און טיילען זיך מיט זיין שיקזאל. אט די ביליגע אנזיכטסקארטלעך, נאכאהמונגען פון קונסטבילדער, וואס הענגען אויף די ווענט, זיינען זיינע חברים, און דאס קליינע פערערען־קישעלע, זיין אמת'ער פריינד!...

ער האט זיך דערפיהלט לייכטער, צופרידענער, אלע זיינע טעגליכע זארגען האבען זיך, ווי פארדרוקט אין הינטערגרונד פון זיין לעבען. און אין זיין הארץ האט זיך אויסגעשפּרייט א געמיטליכע צופרידען — צו וועמען? — דאס האט ער ניט געקענט טראכטען, און וואלט ער אלענפאלס ניט געקענט באשטימען.

ער איז צוגעגאנגען צום רונדען האלבטישעלע, און גענומען פארדרוכטען זיינע שווארצע גלאנציגע האר, וואס זענען געווען אין אנארדנונג צעווארפען, אויף זיין שטערען, זיינע אויגען האבען זיך א לענגערע ווייליע איינגעקריצט אין זיינע געזיכטסצינגען.

פרידמאן איז געווען א יונגערמאן אין עלטער פון דריי און צוואנציג יאהר, עטוואס העכער פון מיטעלען וואוקס, א ברונעט, מיט עטוואס ביסטרע, דאך האלב פארחלומטע אויגען, און האט אויסגעזעהען צו ערענסט און פארזארגט, פאר זיינע יאהרען.

זייענדיג בטבע א שטילער און צוריקגעהאלטענער, האבען מענשען איהם פארעכענט אדער פאר א נאר, אדער פאר א נאאיווען.

ער האט זיך באשעפטיגט אלס לעהרער אין א שולע, און האט געמוזט שטילערהייד צוארבייטען ערגעץ אנדערש, אום אבצודעקען אלע לעבענספאדערונגען פון א יונגענמאן אין זיין עלטער.

ער האט פארקאמט די האר אין א גלייכבען שורנט, פארדרייט א פאפיראס, און זיך געזעצט ארויסקוקען דורך'ן פענסטער. דער רעגען איז שוואכער געווארען און האט ענדליך אויפגעהערט, נאר אויף די שויבען איז דאס וואסער נאך גערונען אין קרומע ריטשקעלאך. די זון האט זיך גענומען ארויסרוקען פון צווישען די וואלקענס וואס זענען אלץ ליכטיגער און שיטערער געווארען. אין דרויסען האבען זיך קינדער באוויזען, געבראדזשעט אין די לוזשעס, און געלאזען הילצערנע שפלאך שווימען אויף'ן מיטנעם וואסער, געטיאפקעט אין דער בלאטע, און געמאכט בלאטע קוילעך וואס זיי האבען געלעגט אויף דער זון צו טריקענען.

ער האט אלעס געגוי באטראכט, איינגעשטימט מיט די קינדערלאך, און אויף א מאמענט זיך פארלארען אין קינדערשער פרייד און זארגלאזיגקייט. ער האט אראפגעלאזט דעם קאפ צווישען די הענט, און בילדער פון זיינע קינדערשע און יוגענליכע יאהרען האבען ווי מחנות ווייסע טויבען, לייכט דורכגעפלאטערט אין זיין געדעכעניש. ער האט זיך פלוצלונג דערמאהנט אן דעם בריעף, איז פאר נייגעריגקייט אויפגעשפרונגען, זיך אויסגעריבען די אויגען, און דורכגענישטערט זיין קעשענע וואו עס האבען זיך געפונען פארשיעדענע פאפירען, און צווישען זיי דער בריף.

ער האט — אהן א פארוואס — פארריגעלט די טיהר...

ער האט זיך געפיהלט אונטער א לייכטען קאשמאר, און די שורות מיט די ליינע געפלאכטענע ווערטער, האבען זיך געטאנצט פאר זיינע אויגען, אפט האט ער איבער געהיפט א שורה, און געמוזט ווידער אנפאנגען דעם זאץ.

צווישען אנדערעס האט ער דורכגעלייענט:

"ליעבער פריעדמאן, זענט איהר ווירקליך ערנסט אין אייער באהויפּטונג, און בעשליסט, און קומט! צערטליכע ארעמס פון אייער פארעהרערין, זענען געשטרעקט און גרייט אייך צו באגרעסען! — — — — אייער..."

דערביי האט ער זיך אבגעשטעלט, זיין פנים האט זיך ווי פארטונקעלט, און אויסגעדריקט איבערראשונג און פארדרוס. זיין בליק, צו קיין פונקט געווענדעט, איז געבליבען הענגען אין גראהליכען אויר, און אבגעריסענע געדאנקען האבען זיך איהם געפלאנטערט אין קאפ, ער האט עס אזוי ניך, אזוי אומגעריכט ניט ערווארטעט. ער האט נאך געוואלט חלום'ען, ראמאנסירען. ער האט פרובירט יעצט פארזעצען צו שפּינען זיינע חלומות פון א גאלדענער צוקונפט... א קליינע, אבער ווייבערע און בעקוועהמע היים.. געשמאקפאל מעבלירט. א גארטען מיט עטליכע שאטענדיגע קאשטאנען בוימער. א בלומען גערטענדעל... און א ליעבע פרוי מיט זארגלאזע לאכענדיגע אויגען...

דער בריעף האט זיך אויסגעגליטשט פון זיינע הענט, און דער פלאטער פון ווייסען פאפיער האט איהם אויפגעוועקט פון זיינע רעיונות. ער האט זיך דערמאהנט אן זיינע מאטעריעלע שוועריגקייטען און באגרענצטע מעגליכקייטען. ער האט זיך געמאכט פארווירפע פאר זיינע ניט־איבערגעלעגטע בריעף, פאר אויסדריקען צו פריי זיינע געפיהלען. אבער מעהר פון אלעם האט געפרעסט אויף זיין געדאנק — וואס טוט מען יעצט, וואס שרייבט מען יעצט?... יעדער תירוץ אויסער דעם אמת וואלט דאך איהר בארעכטיגט צו צווייפלען אין זיין אויפריכטיגקייט. ער האט ניט געוואלט טראכטען, צו וואס עס קען פיהרען. די דאזיגע מינוטען זענען פאר איהם געווען די ענטשיידענסטע, און דערפאר די שווערסטע. זיין קאפ איז שווער געווארען און געפיבערט, און פאר די אויגען האט איהם געשווינדעלט.

ער האט פלוצלונג איבערגעריסען די דרויקענדע שטימונג, זיך שנעל אנגעטון און ארונטערגעלאפען אין גאס. —

די לופט איז געווען מילד, ווארים, און א לינדער ווינטעל, אנגעזאפט מיט בלומען און וואלד גערוך, האט זיך געטראגען און אפגעפרישט זיין פארקלעמט הארץ, און קלאהרער, לויטערער געמאכט זיינע אויגען.

די זון האט זיך שוין אבגערוקט ווייט אויף'ן מערב'דיגען האריזאנט, און זיך געשפּיגעלט אין פיאלעט־בלויע און פורפור־רויטע קאלירען. זיין הארץ איז געווארען רוהיגער, אבער מעהר טרויריש. עטוואס אומבאשטימטעס האט איהם געצויגען אין דער ווייטקייט, אהין צו דעם לאנד פון די כשופדיגע גאלדענע פארבען.

ער האט זיך געלאזען גיין און וואס ווייטער אלץ שנעלער, ווי צו דריאגען זיינע באגעהרען וואס האבען איהם פאראויס געשיעבט צווישען ליכט און שאטען ביז די ווייטסטע ברעגעס פון האריזאנט....

די לינדע געמיטליכע ווייכקייט פון דעם זומער אווענד, האט איהם גענצליך ארומגענומען און בארוהיגט, און זיינע ליפען האבען געשעפטשעט: — איך וועל פאהרען — פאהרען.. פאה—רע—ן..

אין דער וועלט אריין

פון ג. בריק

שוין היבשע עטליכע וואכען זיינען פאראיבער זינט מר. סטיפענסאן, אדער דער "פור דעוואל" ווי מען רופט איהם אצינד איז פארשוואונדען אין די ברויזענדע כאליעס פון רוישענדען נייעגאפאלס, און מען האלט נאך אין זיין דיירדען וועגען איהם, וועגען דעם געוואגטען שריט וואס ער האט געמאכט... און טאמער וואלטען מיר פארגעסען אין איהם, האט זיך מישב געווען דער באזיצער פון א גרויסען דעפארטמענט סטאר און האט וואונדערבאר צווישען אנדערע סחורות עטליכע זייגער א מציאה פאר א גנב צוויי מאל אזוי פיעל, ווי ער פארקויפט זיי (אזוי לויטעט די מודעה) א קלעפקע פון דעם אונשטערבליכען פיעל באריהמטען פעסעל, און וועלכער דער אונפארגלייכבארער העלד האט געמאכט זיין לוסטרייזע אהין וואו עס הערשט דער אלמעכטיגער פלוטאן....

און דער עולם שטופט זיך צום פענסטער און באוואונדערט די קליעפקע וואס איז געמאכט פון אמת רוסישען דעמב (אזוי שטעהט בפירוש אנגעשריבען) גלייך ווי עס וואלט געווען צווייערליי דעמבעס אמת רוסישער און ניט קיין אמת רוסישער!... די מענער סמאטשקען מיט די ליפען, די פרויען לעגען אלע מאל צו די נאז טיכלאך צו די אויגען און פונ'ם פענסטער צו דער טיר איז שוין ניט קיין ווייטער מהלך, מען קויפט דערווייל די בארגיינס, מען לעדיגט אויס די קעשענעס אום כדי די ארימע זאלען ווערען נאך ארימער און דער רייכער נאך מעהר רייכער.

דעם אמת זאגענדיג ווער איך אבער פערזענליך ניט שטארק נתפעל פון אזעלכע העלדענמאמען און איך הויב אפילו ניט אן צו רעגען א טרער צו לאזען אויף סטיפענס פריהצייטיגען טויט! עס קען קאן זיין אז עס נעהמט זיך דערפון וואס אין מיין ברוסט קלאפט ניט קיין הארץ נאר א וואגט זייגער און אין מיינע אדערען פליסט ניט קיין ווארים רויט בלוט נאר ווייס בלוויליכע קאלטע זויער מילך... יא עס קען אפשר זיין אזוי, אבער פון וואנען פרעגט זיך נעהמט זיך צו מיר אזוי פיעל רחמנות אויף דעמב'ן? (אויך דאכט זיך ניט מעהר ווי א העלד) פון וואנען פרעגט זיך נעהמט זיך צו מיר אזא יראת הכבוד צו אלע העלדען וואס האבען מקריב געווען זייערע לעבענס, געלאזט זיך הענגען, קוילען, שיסען צוליעב זייערע אידעאלען? פארוואס ווילט זיך מיר קניען פאר די העלדען וועלכע וועלען היינט מארגען ארויסקריגען אן הכשר פון ארדון הגדול?....

און דאך קענט איהר מיך יעדען טאג טרעפען ביים פענסטער פון דעם גרויסען דעפארטמענט סטאר, ווייל אט דאס שטיקעל האלץ, אט די טייל פון אמת־רוסישען דעמב באזיצט עפעס א מין מאגנעטישע קראפט, וואס ציהט מיך צו זיך, אט דאס שטיקעל האלץ איז א רעטעניש פאר מיר.

איך קוק או הרעם און קאן ניט באגרייפען ווי קומט עס, אז אמת רוסישער דעמב זאל זיך צוברעכען?.... איז דען פאראן שטארקערעס פונ'ם רוסישען דעמב?.... וויפיעל שטורעמס וויפיעל בייזע ווינטען האבען אנגעווערעט די לעצטע כחות איהם עוקר מן השורש צו זיין? און ער שטעהט אייזענפעסט. זיינע ווארצלען דרינגען אריין אלץ טיעפער און טיעפער אין דער ערד, צוואוואקסען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט און ווען עס געלינגט שוין יא די פינסטערע כחות עטליכע צווייגען אפּקע.. צוברעכען פון איהם, וואקסען אויס אבערנאכט ווי דורך א כישוף צעהן, הונדערט מאל אזוי פיעל און דער שטורעם האלט שוין ביי מיעד ווערען, ביים העקער פאלט די האק פון דער האנט ארוים, ביים זעגער צוברעכט זיך די זעג און אלע מוזען מודה זיין אז ער דער אמת רוסישער דעמב איז אונבאזיגבאר..

און איך שטעה ביים פענסטער, קוק אויף דער קלעפקע און קלעהר: ווי קומט עס, וואס דער דעמב איז דארט ביי זיך אין דער היים אזוי שטארק און דא אזוי שוואך? זאל עס זיין דערפאר, זאל ער האבען פארלארען זיין קראפט דורך דעם וואס מען האט איהם אויף א פרעמדען באדען איבערגעטראגען? זאל עס קומען דערפאר וואס ער איז דא אין זיינע ווארצלען זיינען פארבליבען דארטען?..., און דאס שטיקעל האלץ ווערט ביי מיר אזוי טייער, איך פיהל אזא לוסט דערצו, איך וואלט עס אזוי געוואלט באזיצען, אז וואלט איך רייך געווען וואלט איך דאכט זיך ניט קיין הייזער געקויפט, ניט קיין אויטאמאביל געקויפט נאר איך וואלט אריין צום באלעבאס פון דעם סטאר און מיט טרערען אין די אויגען איהם געבעטען, ער זאל מיר טון א טובה צונעהמען ביי מיר דאס געלט און מיר אוועקגעבען די קלעפקע... און איך שטעל מיר פאר מיט וואס פאר א שמחה איך וואלט דערמיט אהיים געלאפען, צוגערופען די קינדער מיינע און קוקענדיג אויף דעם שטיקעל אמת רוסישען דעמב וואלט איך זיי דערצעהלט וועגען די לעצטע געשעהענישען אין רוסלאנד און איך

סקול־רעאקציאנער־פאטריאטיש גע־

בין זיכער אז מיינע קאנאדיזירטע, פובליק

שטימטע קינדער וואלטען ערשט דאמאלס

[illegible]

דאמאלסט מיטגעפיהלט מיט מיר...

און ווער ווייסט? אפשר וואלטען זיי גאר אין מיין לוסט צו דער קלעפקע געזעהען, אז עס פעהלט מיר א קלעפקע...

דעם לעזערס ווינקעל

די געוועזענע פרץ פאלקס שולען און די ארבייטער רינג פרץ שולען.

(אן ענטפער)

זייט די היגע פרץ שולען זענען געווארען דאס אייגענטום פון ארבייטער־רינג האט דער "אידישער זשורנאל" צו זיי גענומען א מאדנע שטעלונג. צו ערשט מיט בריוולאך פון כלומרשט באזונדער אדער לעזער און לעצטענס מיט אן עדיטאריעל פון רעדאקטאר בכבודו ובעצמו. גון וועהרענד פאר די ערשטע קאן נאך גילטען דער תירוץ ניט טאקטישקייט פון א קארעספאנדענט אדער אונפאראנטווארטליכקייט פון שרייבער, קען דאס אבער ניט זיין דער פאל מיט דעם וואס עס איז ערשינען עדיטאריעל דינסטאג דעם 27־טען יולי. פאר וועלכען מיר דענקען אז דער זשורנאל איז פאראנטווארטליך און מיר פרעגען הלנו אתה אם לצרינו?

דער ארטיקעל טראגט דאס קעפעל "דער אונטערגאנג פון די היגע פרץ שולען" און דער רעדאקטאר באמיהט זיך צו באווייזען אז שולדיג אין דעם איז דער 'ארבייטער רינג" וועהרענד דער אונטערגאנג פון די פרץ שולען. האט זיך נאך אנגעפאנגען מיט יאהרען פריהער ווי דער א. ר. האט זיי איבערגענומען א דאנק די אינערליכע רייבונגען. פרץ אינסטיטוט און קהל'שע בעל־הביתישקייט שנארען איבער די הייזער־נדבות פון אלע ארגאניזציעס און פתח אלרייטניקעס האבען ניט געקאנט פארהיטען די שולען פון באנקראט. אומזיסטע לעהרער אנגעשטעלטע און לעהרער מיט א געהאלט ווי א גרוגרות דר' צדוק און אפילו די מלחמה (מאראטאריום) האבען אויך ניט פארהיט די שולען אריין ציקריכען אין חובות איבערן קאפ! און דאס ערגסטע עס איז ניט געוועזען ביי וועמען צו מאהנען. קודם די פרץ פאלקס שולען זענען פאקטיש אונטערגעגאנגען איידער זיי זיינען אריבער צום ארבייטער־רינג.

די איינציגע אורזאכע זאגט דער רעדאקטאר פון איבערגעבען די שולען צום ארבייטער רינג איז געווען אז זיין זאלען לייזען די פינאנציעלע שוועריגקייטען. דענקט ווירקליך דער רעדאקטאר אז די ארבייטער רינג מיטגליעדער זיינען אזוי נאאיוו אויסשליסליך אליין צו פינאנסירען סתם אן אינסטיטוציע און איבער וועלכע זיי זאלען ניט האבען די דעה? דער אמת איז אז די שולען די הייזער און פארמעגען זיינען איבערגעגעבען געווארען צום א. ר. אלס זיין אבסאלוטעס אייגענטום בלויז מיט די באדינגונגען אז דער נאמען "פרץ" זאל בלייבען. די ארבייטער רינג שולען אין טאראנטא זאלען טראגען דעם נאמען "ארבייטער רינג פרץ שולען" די למודים זאלען אנגעפיהרט ווערען אין אידיש, העברעאיש זאל געלערענט ווערען אין די העכערע קלאסען, דערפאר האט זיך דער א. ר. פארפליכטעט אבצוצאהלען די חובות און זארגט זיך ניט. דער ארבייטער רינג דעקט די דעפיציטען פון זיינע אנסטיטוציעס.

דער רעדאקטאר האט טענות אז די רייכע מומע וויל ניט צוליינען קיין געלט. אביסעל איבערטריבען. אט זיינען פאקטען! פאר די עלף חדשים וואס די ארבייטער רינג פרץ שולען עקזיסטירען, האט דער ארבייטער רינג צוגעלעגט אריבער פינף טויזענד דאלאר, אום ניט צו פארלירען קיין שילער איז דער שכר למוד אוועקגעשטעלט געווארען עס זאל איינברענגען אין דורכשניט אומגעפעהר 2 דאלאר א חודש פון א קינד, וועהרענד די ערציהונג פון א קינד אין אונזערע שולען קאסטען אונז מעהר ווי $3.50 א חודש אין דורכשניט, צו די דזשאנקשאנער שולע זיינען מיר גרייט צו צוליינען זעקס הונדערט דאלאר א יאהר, א רעקאמענדאציע פון א לעהרער, מיט די עדיוקיישאנעל קאמיטע אויפצוגעבען דערוויל א קלאס ביז די איבעריגע קינדער וועלען צוריק קומען פון וואקאציע איז ~~צוריקגעוויזען~~ געווארען פון פערוואלטונגס ראט טראץ דעם וואס עס קומט אויס צו צוליינען פערצעהן דאלאר א חודש פאר יעדען קינד.

דער רעדאקטאר באקלאגט זיך אז די שולען ליידען גייסטיג, זיי האבען נעבאך ניט קיין נשמה. מערקווירדיג אז מען איז געקומען צום א. ר. ער זאל נעהמען די שולען האט מען אפעלירט צו די נשמה פון א. ר. צו זיינע גרויסע קולטורעלע אויפגאבען און פרייע פרינציפען. קוים וויל די פארוואלטונג זיך ניט לאזען דיקטירען פון זעלבסט געקרוינטע דעה זאגער און סתם בטלנים, פעהלט שוין א גייסט, איז שוין אויס נשמה! מיר פארנעהמען אזוי אויך א צו גרויסען פלאץ אין דיעזער צייטונג, דערפאר וועלען די וואס אינטערעסירען זיך מעהר וועגען דעם ענין זעהען דעם יולי נומער "פריינד", אדער דאס ביכעל "די אידישע ארבייטער רינג שול" ארויס געגעבען פון בילדונגס קאמיטעט פון א. ר. מיר וועלען דא פארמולירען בקיצור דעם אינהאלט פון לעצטען צוזאמענפאהר פון א. ר. קינדער שולען, אנגענומען אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון די טאראנטאר [illegible] אין נעשאנעל טעאטער, נעמליך: אונזער ציעל איז צו געבען די קינדער א פרייע ראדיקאלע אידישע ערציהונג. פריי פון רעליגיעזען, שאוויניסטישען אדער בורזשואזען גייסט. די נשמה וואס מיר טראגען אריין אין די שולען איז צוביגרען דאס אידישע ארבייטער קינד צום אידישען ארבייטער קלאס און צו ערציהען איהם פארטצוזעצען דעם קאמף פון זיינע עלטערען פאר א בעסערע צוקונפט.

דער רעדאקטאר באהויפטעט אז די לאזונג פון די ארבייטער רינג טוער איז וואס וועניגער קינדער אלץ א קלענערער דעפיציט, פאלגליך פארמאכט מען איין שולע נאך די אנדערע: ניט אמת, אונזער לאזונג איז "דער ארבייטער רינג פאר די שולען און די שולען פאר דעם ארבייטער רינג" מיר ווענדען אן אלע מיטלען צו מאכען די הוצאה לויט די הכנסה. דער ארבייטער רינג האט בלויז איבערגענומען 2 שולען, די אוירלס־ אידער ארבייטער רינג האט איבערגענומען די שולען און זאל זיך די דזשאנקשאנער שול פארמאכען וועט דאס זיכער ניט זיין אונזער שולד. מיר האבען די דזשאנקשאנער אידען געלאזט וויסען עטליכע מאל שריפטליך און מינדליך דורך פארזאמלונגען און ספעציעלע קאמיטעס אז זיי זאלען נאכקומען די זעלבע קאנדיציעס ווי די שטאדטישע עלטערען. מיר האבען זיי ערקלעהרט די סיטואציע, אבער וואס קימערט זיי א שולע. מיר האבען זיי ערקלעהרט די סיטואציע, פארגלען דאן 4 וואכען די קינדער וואקאציע, און די עלטערען נאך צו רעגנען. דורך דער צייט געהאט מיט זיין א פארזאמלונג אבער אהן ערפאלג. מיר פרואוען נאך 4 וואכען, א ספעציעלע קאמיטע מיט'ן דארטיגען ברענטש פון א. ר. וועגען אלע מיטלען און וועגען אז די שולע אין די דזשאנקשאן זאל ניט אויפגעגעבען ווערען. די הוצאות קאן מען דארט דערוויל ניט אפשטעלען. אבער וואס דער אר. רינג ברענטש איז גרייט צו הפנים פאר די אידען דארט איז וועניג צו לייגען 6 הונדערט דאלאר א יאהר, זענען קוים 8 פון די דארטיגע שילער זענען קינדער פון אר. רינג מיטגליעדער. דער בליק אויף די שולען איז דארט מיסיאנערען און נאך ערגער יענע האבען כמעט קיין געלד ניט גענומען אלזא מיר האבען זיי געזאגט און מיר לאזען דא וויסען אז דער ארבייטער רינג איז ניט קיין טשאריטי אינסטיטוציע, און אונזער אויפגאבע איז ניט מזכה צו זיין די כנסת ישראל מיט סתם שולען איבער וועלכע יעדער זאל זאגען א דעה, דער טיפ פון די היגע ארבייטער רינג פרץ שולען אז ווי פריהער אנגעדייטעט. די שולען זיינען אונזערע, דעם ארבייטער רינגס און די וואס זיינען דערמיט איינפארשטאנען זענען הארציג ווילקאמען זיך צו באנוצען מיט די זעלבע פריווילעגיען אבער ניט מעהר, ווי די מיטגליעדער פון ארבייטער רינג וועלכע זיינען דירעקט פאראנטווארטליך פאר זייערע שולען.

צום שלוס ווערטע רעדאקציע, צו וואס די אטאקע און צווייפלען אין אונזער עהרליכקייט. איהר פאדערט אונז אויף אפצוגעבען די שולען צו די וועלכע האבען דאס אונז איבערגעגעבען, מיר ווילען גלויבען אז דאס איז ניט סתם קיין פוסטע פראזע, זיינען דאך דער רעדאקטאר און נאך אנדערע פון זשורנאל סטאף מיטגליעדער פון א. ר. אלזא מיר נעהמען אן אייער פארשלאג צו ווייזען אייך אז מיר מיינען ערנסט, זענען מיר אופריעדען ניט צו רעכענען פאר די אויסבעסערונגען וואס זענען דורך דער צייט געמאכט געווארען, אויך ניט דאס געלט וואס מיר האבען צוגעלייגט. מיר זענען גרייט צוריקצוגעבען די שולען צו די פריהערדיגע אייגענטימער מיטגליעדער פון פרץ שול פאר איין און דעם זעלבען צושטאנד ווי מיר האבען זיי איבערגענומען מיט ניט א סענט מעהר ווי זייערע אייגענע חובות. מיר גיבען זיי דארויף צוויי וואכען צייט וועלען זיי זיך אבער ביז דער באשטימטער צייט ניט אפרופען וועלען מיר איגנארירען אלע בוילע פרעטענזיעס און פארטזעצען אונערמיעדליך אונזער נאבעלע ארבייט.

מיט דרך ארץ

די פארוואלטונג פון די
ארבייטער רינג פרץ שולען,

אויגוסט דעם 1־שטען, 1920.

קענעדער דאלאר געפאלען צוליעב פוילענס לאגע

ניו־יארק, אויגוסט, 5.

נעכטען איז דער פרייז פון קענעדער דאלאר ווידער געפאלען אין פרייז. עס ווערט געזאגט, אז דאס איז צוליעב דער לאגע פון פוילען. דער ענגלישער פונט איז געפאלען אויף זעקס מיט דריי פערטעל סענט.

דער קענעדער דאלאר איז געפאלען מיט אן ערך א האלבען סענט. דער פרייז איז איצט (נעכטען) 88 מיט א האלבען סענט.

פארלאמענטארישע וואהלען און אידען פראגע אין דייטשלאנד

דער בערלינער קארעספאנדענט פון דעם 'אידי. קאר. ביורא' שרייבט:

דער ערשטער רייכסטאג פון דער יונגער דייטשער רעפובליק איז געוועהלט געווארען. קיין קלאהרע סיטואציע האבען די וואהלען ניט געבראכט, אויף איין זייט איז פארשטארקט געווארען דער ראדיקאלער לינקער פליגעל און דער סאציאל דעמאקראט'יע, אויף דער אנדערער זייט האבען די קאנסערוואטיווע רעכטע פארטייען געהאט א גרויסען ערפאלג. כאראקטעריסטיק פון די וואהלען איז נידערלאגע פון דער ביז איצטיגער רעגירונגס קאאליציע וועלכע איז באשטאנען פון דעם קאטוילישען "צענטרום", דעמאקראטען און די געמעסיגטע סאציאליסטען, די גאזוי אנגערופענע מעהרהייטס סאציאל דעמאקראטען. די אזיגע פארטיי איז ביז איצטער געווען צענטראלע מאכט אין פאליטישען לעבען פון דייטשלאנד, זי האט געהאט אין דער נאציאנאל פארזאמלונג ארום 170 מאנדאטען, דאס איז ניט פיעל וועניגער ווי די העלפט פון דער גאנצער אנסטיטואנטע. איצטער האט זי 11 מאנדאטען. באקומען אינגעפעהר פערטעל פון אלע רייכסטאג אבגעגעבענע שטימען. זי איז אפילו איצטער אויך די גרעסטע פארטיי אין פארלאמענט, אבער נעהמט מעהר ניט אזא צענטראלע פלאץ ווי פריהער. גרויס איז אויך די מפלה פון די דעמאקראטען. פון א 80 מאנדאטען אין דער נאציאנאל פארזאמלונג האט זי אין גאנצען איבער 40 ערהאלטען, די דריי פארטייען פון דער רעגירונגס קאאליציע האבען איצטער א קליינע מאיאריטעט, אויף וועלכער א רעגירונג קען זיך ניט שטיצען. צוליעב דעם האט מאקע דער מיניסטערען קאבינעט אנגעגעבען אין דימיסיע. אויף וועלכער באזיס זאל אבער געבילדעט ווערען א נייע רעגירונג? וואס פאר א נייע קאאליציע קען געשאפען ווערען?

די פיהרענדע פאליטישע קרייזען באשעפטיגען זיך זעהר אנטענסיוו מיט דער פראגע און קיין קלארען אנטווארט האט מען נאך ניט געפונען. די יעצטיגע פאליטישע לאגע אין דא איצטער זעהר א פארפלאנטערטע און קאמפליצירטע.

איין זאך איז אבער קלאהר און דייטליך: פאר די אידען אין דייטשלאנד איז דער רעזולטאט פון די וואהלען זעהר א שלעכטער.

די אידען פראגע האט געשפיעלט א גרויסע ראלע אין וואהל קאמף. די צוויי קאנסערוואטיווע פארטייען, די נאציאנאל פארטיי און די דייטשע פאלקס־ פארטיי האבען די גאנצע צייט וואהל קאמף געפיהרט א שטארקע אנטיסעמיטישע פראפאגאנדא. זיי ארויסגעווארפען אויף אידען שמוציגע בלבולים מיט וועלכע זיי געוואלט ווירקען אויף די נידעריגע אינסטינקטען. זיי האבען אפען געזאגט, אז אויב זיי וועלען ב... די מאכט אין זייערע הענד וועלען מאכען רדיפות אויף אידען און ב... זייערע בירגערליכע רעכטע. ערמאהנטע צוויי פארטייען, זיינען געווען אין דער קאנסטיטואנטע א קליין הייפעל אהן א שום השפעה, זיינען איצטער מעהר ווי 120 מאנדאטען. נאך דער גאנצער פאליטישער איז טאקי גאר ניט אויסגעשלאסען וועלען געהערען צו א רעגירונגס קאאליציע און האבען א חלק אין דער מ... פאר די אידען וועט דאס זיין א טרויעריגע סיטואציע, באזונדערס אבער וועט זיין שלעכט פאר די מזרח אידען דייטשלאנד. די קאנסערוואטיווע ... גיסען אויס זייער גאנצען גיפט ... די מזרח אידען און די אידישע אימיגראנטען וועלכע ראטעוועט זיך אהערצו ... פאליטישען גיהנום. וועלכע שטעהען דא איצטער פאר פאר זיין ... מיט אנגסט ווארטען מיר ד... ... גאהענטסטער צוקונפט.

שבת פראגע אין ארץ ישר

די אגריקולטור שולע אין ארץ ישראל האט באקומען א פארוואר... ועד היתומים אין ירושלים, וואס זיי ערלויבען אז די תלמידים לען ארבייטען אום שבת. די פאר... טונג פון דער שולע האט דאר... ענטפערט, אז מאנכע פון די ת... ארבייטען אויך שבת, ווייל די שול... ניט אייננפיהרען, אז אין לאנדווירט... טען זאל מען זיך באנוצען מיט גוים", די שולע האט א כלל, ... גאנצע ארבייט דארף געטון ווערען אידישע הענט און מ'קען ניט ... שבת די בהמות הונגעריג ארו... געמאלקען. דיזע ארבייט ... תלמידים. געוועהנליך איז א ... ווייל עס ניט טון צוליעב רעליגיעז... מים באפרייט מען איהם פון דער בייט.

מיר האבען אייך געווארענט

אין צייט האבען מיר אייך געווארענט איהר זאלט זעהען וואס שנע... לער ארויסראטעווען אייערע קרובים וועלכע געפינען זיך אויף יענער זייט ים.

אין איהר זעהט יעצט אז אונזער ווארנונג איז געווען א ריכטיג...

מיר ווארנען אייך יעצט ווידער

זעהט וואס שנעלער צו ראטעווען אייערע פאמיליען פון פוילען, ... ליציען, רומעניען, בעסאראביא און ליטווינען.

אונזער ל. גוראפסקי

איז נאך דארטען. ער שטעהט מיט א געטרייער מאלדאט אויף ... באסטען צוזאמען מיט זיין זוהן הערי גוראפסקי, וועלכע מיט אלעס אין דער וועלט צו ברענגען אייערע קרובים אהער, אזוי שנעל ווי מעגליך.

ווארט ניט, לייגט ניט אפ אויף שפּעטער

די צייט איז אזעלכע, אז איהר מוזט האנדלען זאפארט. איהר מוזט יעצט מאכען אלע פאפירען, ניט צו העלפען, צו ראטעווען און וואס שנעלער, אלץ בעסער

געלט!

דאס דארפט איהר אונז בלויז געבען א דעפאזיט און דאס איבריגע ... ווען אייערע קרובים זענען אויפ'ן וועג. באשליסט צו זעהען אונז היינט, און איהר וועט פיעל געווינ... פון דעם.

גוראפסקי'ס

113 קווין סטריט וועס...

דאנציג—עליזאבעטסירד שטראסע 11

ווארשאווער אדרעס נאוואליפקא 8 וו...